8 צו די געמלטע—וואָרום דער, וועלכער האָט קרעפ־
טיק געווירקט אין פּעטרוסן אין דער שליחות צו
די געמלטע, האָט אויך קרעפּטיק געווירקט אין
9 מיר צווישן די גוים—, און דערקענענדיק דעם חסד,
וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן, האָבן יעקב און
כיפא און יוחנן, וואָס זענען פאַררעכנט פאַר זיילן,
מיר געגעבן און בר־נבאן די רעכטע האַנט פון
חברותאשאַפט, אַז מיר זאָלן (גיין) צו די אומות־
10 העולם, און זיי צו די געמלטע; רק, אַז מיר זאָלן
געדענקען די אָרומעלייט, וואָס איך האָב מיך אויך
געפלייסט דאָס זעלבע צו טון.
11 ווען אָבער כיפא איז געקומען קיין אַנטיאָכיען,
האָב איך מיך אים אַקעגנגעשטעלט פנים אל פנים,
12 ווייל ער איז געווען שולדיק. וואָרום פריער,
איידער עס זענען אָנגעקומען אייניקע (לייט) פון
יעקבן, האָט ער געגעסן מיט די גוים; ווען אָבער זיי
זענען געקומען, האָט ער זיך דערווייטערט און
אָפּגעשיידט (פון זיי), מורא האָבנדיק פאַר די געמלטע.
13 און צוזאַמען מיט אים האָבן זיך אויך די איבריקע
יידן פאַרשטעלט, אַזוי, אַז אַפילו בר־נבא איז
14 פאַרפירט געוואָרן פון זייער צביעות. נאָר ווען
איך האָב געזען, אַז זיי גייען נישט ריכטיק לויט
דעם אמת פון דער בשורה טובה, האָב איך געזאָגט
צו כיפאן פאַר אַלעמען: אויב דו, זייענדיק אַ ייד,
לעבסט גויש און נישט יידיש, וואָס צווינגסטו די
15 גוים זיך אויפצופירן ווי יידן? מיר זענען בטבע
16 יידן, און נישט קיין חוטאים פון די גוים, און ווייל
מיר ווייסן, אַז קיין מענטש ווערט נישט גערעכט־
פערטיקט דורך מעשים פון דער תורה, נאָר דורך
דער אמונה פונם משיח ישוע, האָבן מיר אויך
געגלויבט אין דעם משיח ישוע, כדי מיר זאָלן